# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:10
מוצאי שב"ק....................9:42

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................שופטים ט'-י'
בבלי...........................גיטין ל"ב
ירושלמי.................תרומות ב'
תוספתא............כלים קמא א'
רמב"ם.....................תשובה ח'

פרשת שלח, כ"ח סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 38 (608)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, פַארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְּלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אָבֶער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פוּל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

דָאס אִיז אָבֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַּאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְּלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנּוּן? אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶען אוֹיבּ זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְּלִים גֶעזֶעהְן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער רַחוּם וְחַנּוּן - נֶעמְט יֶעדְן אָן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁלַח תש"ס)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ וֶועג אַרוֹיס

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶוערִיקֵייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, סַיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָר חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען. אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת'ן ווילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קַיין

<<<<<<

### א גוט ווארט

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה) דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה; אָן אֱמוּנָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, וַוייל מִיט אֱמוּנָה הָאט מֶען שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי עֶס פִירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מִיט טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל - לֶעבְּט מֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא-ב' תשפ"ג)



דער מולד וועט זיין: דינסטאג נאכמיטאג 36 מינוט און 15 חלקים נאך 3 | ראש חודש תמוז יהיה ביום השני ולמחרתו ביום השלישי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וַוארְטְס נִישְׁט אֱייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֱייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז אֱייעֶר שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן, אוּן אַז עֶס אִיז אַייךְ בִּיטֶער שְׁוֶוער - זָאלְט אִיר אַרוֹיפְקוּקְן צוּם אֱייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל גְרִינְגֶער וֶוערְן.

וַוארְטְס נִישְׁט אֱייעֶר מַאן זָאל אַייךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן וְכוּ' וְכוּ'; אִיר זָאלְט וַוייטֶער זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן וַוייטֶער זַיין גֶעטְרֵיי צוּ אִים אוּן צוּ דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן: "אַז מֶען וִויל נִישְׁט לַיידְן אַבִּיסְל - לַיידְט מֶען אַסַאךְ"; דִי וָוארְט אִיז אַזוֹי אֱמֶת, אַזוֹי הֵיילִיג; וַוייל יֶעדֶער אֱיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט לַיידְט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מֶען זָאל נִישְׁט לַיידְן; נָאר וָואס דֶען, דֶער וָואס לֶעבְּט מִיטְן אֱייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס אַרִיבֶּער, אַן אִיבֶּערְגֵייאַכְץ - וֵוייסְט עֶר אַז דָאס אִיז פוּנֶעם אֱייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים גְרִינְגֶער צוּ לַיידְן; אָבֶער אַז מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִי תּוֹרָה, מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּנֶעם אֱייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט שְׁפֶּעטֶער גָאר בִּיטֶער.

וְוִיפִיל וַוייבְּלֶעךְ גְרוּשׁוֹת זָאגְן קְלָאר, וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וִוי שְׁוֶוער עֶס וֶועט אוּנְז זַיין - וָואלְטְן מִיר גֶעבְּלִיבְּן לַיידְן דָאס בִּיסְל.

אִיךְ הָאף דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן חִיזוּק אוּן אִיר וֶועט הַאלְטְן אֱייעֶר שְׁטוּבּ שְׁטַארְק, אִיר וֶועט זַיין פוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת וָואס וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אִין הִימְל אַז זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹיט זֵייעֶר שְׁטוּבּ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ פַארְן אֱייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֱייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר**
**זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

שְׁוֶועריִקְייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף וְויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעוִוויסֶע שְׁוֶועריִקְייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין דָאס לֶעבְּן פִיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען וִויל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר וִויל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֱייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶועריִקְייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי "מְנִיעוֹת", דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ "נְעִימוּת", צוּ אַ זִיסְקֵייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעוִוויסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כב) "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק", דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ"י וִוי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט וואוּ דֶער פְּלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ'ן בַּארְג.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְּלַאץ אִיז פַארְוָואלְקְנְט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

### יֶעדֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריִקְייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶער דֶער וָוארְט "קֶבַע" קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבְ'ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּ'גַנְבְ'עֶנֶען אַבִּיסְל צַייט פַאר תּוֹרָה?

חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא לה:) "הִלֵּל מְחַיֵּיב אֶת הָעֲנִיִּים, רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם מְחַיֵּיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵּיב אֶת הָרְשָׁעִים" - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרֶעם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן.

הִלֵּל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֱייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִּיקִים זֶענֶען מְחַיֵּיב יֶעדְן אֱיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תֵּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי יז) "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", אַ צַדִּיק זוֹכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוֹכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חֲזַ"ל אַז דִי צַדִּיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵּיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵּל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ וֶועג אוּן גֶעוִויזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען

>>>>>>

תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָר, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעהֶעריג מְסוּדָר, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער חֲתוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן, אוּן דַאן וִויל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר וַוייטֶער שְׁוֶועריִקֵייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶּער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלַל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל אֱמֶת'דִיג טוּן, סֵיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיוּת. אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

# רֶעג זִיךְ נִישְׁט

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (ט"ז, ל"ב) "טוֹב אֶרֶךְ אַפַּיִם מִגִּבּוֹר וּמֹשֵׁל בְּרוּחוֹ מִלֹּכֵד עִיר", אֵיינֶער וָואס קֶען זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיז בֶּעסֶער פוּן אַ גִּבּוֹר; אוּן דֶער וָואס קֶען גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ כַּעַס, אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דֶעם וָואס נֶעמְט אַיין אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט.

אוֹיף דֶעם פָּסוּק זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל (אָבוֹת ד', א') "אֵיזֶהוּ גִּבּוֹר? הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ", וֶוער אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער גִּבּוֹר, וָואס פַּאסְט מֶען זָאל אִים אוֹיסְלוֹיבְּן אוֹיף זַיין גְבוּרָה? דֶער וָואס קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נַאטוּרְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעגְט אִים אוֹיף.

נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג אַ גֶעוִויסֶע צָרָה, אַן עַגְמַת נֶפֶשׁ, עֶפֶּעס יִסוּרִים; יֶעדְן טָאג קוּמֶען אוּנְטֶער פְרִישֶׁע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען פְרִיעֶר, יֶעדְן טָאג הָאט מֶען צוּ טוּן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַלְץ זֶענֶען דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ סִיבּוֹת וָואס זָאלְן מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶערֶעגְט.

פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועט אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן יֶעדְן טָאג פוּן פְרִישׁ, אֵיינֶער מֶער אוּן אַ צְוֵוייטֶער וֵוייניִגֶער, אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן רִיכְטִיגֶע אוּן אֱמֶת'עֶ תֵּירוּצִים פַאְרוָואס זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן. אַמָאל אוֹיף דִי וַוייבּ, אַמָאל אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אַמָאל אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם אוּן אַרוּם, עֶס פֶעלְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן אוּן סִיבּוֹת וָואס זָאלְן מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין כַּעַס. בִּיז עֶס קֶען גֵיין אַזוֹי וַוייט אַז מֶען זָאל אַרַיינְגֵיין מַמָשׁ אִין אַ רְצִיחָה, שְׁרֵייעֶן אוּן קְוִויטְשֶׁען, אָנְשְׁרֶעקְן יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט דֶערְנֶעבְּן, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן מַמָשׁ צִיטֶערְן זִיךְ צוּ גֶעפוּנֶען אִין זַיינֶע ד' אַמוֹת.

דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי וֶועגְן וָואס פִירְט צוּ אַ דוּרְכְפַאל אִין לֶעבְּן. עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "אוֹיבּ קֶענְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע כַּעַס, קֶענְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף יֶענֶעם", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶענֶעם, שְׁרֵייעֶן מִיט כַּעַס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר מִיט דֶעם קֶענֶען יֶענֶעם בַּאזִיגְן; דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיט כַּעַס אוּן רְצִיחָה קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן אִין עֶרְגֶעץ, מֶען קֶען נִישְׁט בֵּייקוּמֶען אַ צְוֵוייטְן מִיט כֹּחַ. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג מַצְלִיחַ צוּ זַיין זִיךְ דוּרְכְצוּקוּמֶען מִיט סֵיי וֶועמֶען אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, ווִי נָאר מֶען פַאלְט אַרַיין אִין כַּעַס אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט, הָאט מֶען שׁוֹין פַארְלוֹירְן דֶעם קַאמְף; מֶען פַארְלִירְט בֵּיידֶע זַייטְן, סֵיי פַאר זִיךְ אַלֵיין הָאט מֶען פַארְלוֹירְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, וַוייל מֶען אִיז אַלְץ פַארְנוּמֶען צוּ זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶענֶעם, מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט רוֹישִׁיגֶע כַּעַס'יגֶע גֶעפִילְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן מִיט אַ גְלַייכְן קָאפּ, אוּן סֵיי מִיט יֶענֶעם פַארְלִירְט מֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דוּרְכְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם.

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# זֶענֶען הַיינְט דָא שֵׁדִים?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר צוּפְרִידְן דָא אִין דִי בֵּית פֵּיגָא שׁוּלֶע. הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט הֶעלְפְן מַיין מַאמֶע אִינְדֶערְהֵיים, שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, מַיין מוּמֶע אִיז גֶעוֶוען אִין אַ בֵּית הַקְבָרוֹת אִין אַן אַנְדֶערֶע לַאנְד, אוּן זִי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט גֶעהֶערְט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעלֶעכְטֶער, זִי הָאט אוֹיסְגֶעדְרֵייט דִי פְּלֶעשְׁלֵייט צוּ דִי קוֹל אוּן עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט, וֶוען זִי הָאט עֶס צוּרִיק אַוֶועק גֶעדְרֵייט הָאט זִי עֶס וַוייטֶער גֶעהֶערְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת, אִיז הַיינְט דָא שֵׁדִים? וַוייל מַיין מוּמֶע הָאט עֶס קְלָאר גֶעהֶערְט.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אֵייעֶר מוּמֶע דֶערְצֵיילְט – אִיז דִמְיוֹנוֹת; נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שֵׁדִים, אַוַדַאי אִיז דָא שֵׁדִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלִיפָּה חֵלֶק ב', סִימָן א): "יֵשׁ שֵׁדִים שֶׁמְּצוּיִים בַּבָּתִּים, שֶׁהֵם מְקַלְקְלִין הַשְּׁלוֹם בַּיִת", עֶס זֶענֶען פַארְהַאן שֵׁדִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין שְׁטִיבֶּער וָואס זֵיי מַאכְן קַאלְיֶע דִי שָׁלוֹם בַּיִת, "וְעַל יְדֵי זֶה כַּעַס וּקְטָטוֹת בַּבַּיִת", אוּן דוּרְךְ זֵיי קוּמְט כַּעַס אוּן קְרִיגֶערַייעֶן.

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דָאס וָואס מֶען זֶעט עֶס כַּאפְּט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע; מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע אוּן פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט מֶען גֶערֶעגְט פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט – דָאס קוּמְט פוּן דִי שֵׁדִים וָואס מַאכְן בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יב, ג) עֶס אִיז דָא אַ שֵׁד מִיטְן נָאמֶען קֶטֶב מְרִירִי, וָואס דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שֵׁדִים – אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה; וֶוען מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת – אַנְטְלוֹיפְן זֵיי אוּן זֵיי וֶוערְן אוֹיס; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ' – דַאן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה.

מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי וָואס רֶעדְן דִמְיוֹנוֹת, וֶוערְט נִישְׁט פַארְקוֹיפְט פַאר יֶעדְן נַאר, לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס סְפָרִים, בִּפְרָט דִי בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"ש; וָואס אִיז מְגַלֶּה דִי אֱמוּנָה מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט – וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< רעג זיך נישט

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלוֹיבְּט אַז אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, עֶר הַאלְט שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אוֹיגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא פוּן וֶועמֶען מוֹרָא צוּ הָאבְּן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן אָדֶער שְׁלֶעכְטְס טוּן אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט אַלְץ סַבְלָנוּת, עֶר וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט, עֶר שֶׁעלְט נִישְׁט, עֶר בֶּעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיף אִים; אוּן כָאטְשׁ אִין אָנְהוֹיבּ קֶען אוֹיסְזֶען וִוי יֶעדֶער אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אִים, יֶעדֶער בַּאזִיגְט אִים, אוּן עֶר דַארְף זִיצְן אַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט מִיט סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אָבֶּער צוּם סוֹף שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז עֶר אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם, יֶעדֶער וואוּנְדֶערְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג צוּם סוֹף גֶעווּאוּנֶען, דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן זַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן סַבְלָנוּת.

אַ חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שְׁטַארְקֶע גְבוּרָה, וִוי זִיךְ צוּ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן", דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת אִיז זֵייעֶר וִוִיכְטִיג זִיךְ אַיינְצוּהַאנְדְלֶען אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אָן דֶעם, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעדוּלְד, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַיין זַיין כַּעַס, אַלְץ מֶער אִיז עֶר מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן.

נָאךְ אַ מַאֲמָר אִיז דָא פוּנֶעם חָכָם, "אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַסַאךְ הֶעלְפֶּערְס", קֵיינֶער זוּכְט נִישְׁט צוּ הֶעלְפְן אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען וִויל נִיטְאַמָאל שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער אֲרִיכוּת אַפַּיִם, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן, וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת, וֶועט אִים יֶעדֶער לִיבּ הָאבְּן, אוּן יֶעדֶער וֶועט אִים שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר פִיל שֶׁענֶער מַצְלִיחַ זַיין.

נָאךְ זָאגְט דֶער חָכָם, "מִיט גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ הָאבְּן רוּאִיגְקֵייט", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל הָאבְּן אַ רוּאִיג לֶעבְּן, מוּז עֶר זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן שַׁלְוַת הַנֶּפֶשׁ. "וֶוער עֶס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן כַּעַס, אִיז זַיין שֵׂכֶל נִישְׁט מְסוּדָּר אִינְגַאנְצְן", אֵיינֶער וָואס הָאט אַ קְלָארֶע שֵׂכֶל, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי זַאכְן וָואס רֶעגְן אִים אוֹיף אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין כַּעַס. "גֶעדוּלְד בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה, כַּעַס בְּרֶענְגְט חֲרָטָה".

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אַלְץ גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר עֶר אַלֵיין פִּירְט אַלֶעס, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר וֶועלְן זַיין רוּאִיגֶע אוּן צוּפְרִידֶענֶע מֶענְטְשְׁן אַלֶעמָאל; אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶועט אוּנְז גֵיין שְׁוֶוער, מִיר וֶועלְן הָאבְּן צוּטוּן מִיט שְׁוֶוערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר וֶועלְן זִיךְ טְרֶעפְן אִין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס זַיי מַצְלִיחַ)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# קורפיו אין אומאן געגנט ווערט פארגרינגערט

אנשי שלומינו נעמען אויף מיט פרייד די בשורה טובה פון טשערקאסי אבלעסט, די געגנט אין אוקריינע אין וואס די שטאט אומאן געפונט זיך, אז די קורפיו וואס איז איינגעשטעלט געווארן זינט דער אנהייב פון די מלחמה אין דעם "אבלעסט", ענליך צו א סטעיט אדער קאונטי אין אמעריקע, איז שטארק דערלייכטערט געווארן. דאס איז גאר גוטע נייעס פאר די צענדליגע טויזנטער ברסלב'ע חסידים, וואס טראץ די שוועריקייטן, טירחה און גרעסערע געלט הוצאות, גרייטן זיי זיך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה תשפ"ד.

ביז יעצט איז דער קורפיו אנגעגאנגען יעדע נאכט פון 11 אזייגער ביינאכט ביז 5 אזייגער פארטאגס, און אין די שעה'ן האט קיינער זיך נישט געמעגט געפונען אויפ'ן גאס, וואס דאס האט שטארק באגרעניצט די באוועגונגען פון אנשי שלומינו אין אומאן. אבער יעצט - ברוך השם - האט מען דאס געטוישט, און דער קורפיו וועט אנגיין יעדע נאכט פאר בלויז 4 שעה, אנגעהויבן פון 12 חצות הלילה און געענדיגט 4 אזייגער פארטאגס, א זאך וואס וועט זיכער פארגרינגערן פאר אנשי שלומינו וואס קומען צום הייליגן רבינ'ס ציון.

פילע פון אנשי שלומינו האבן שוין באשטעלט טיקעטס און קוקן איבער די פאספארטן, טייל האבן גענומען די טשארטער פלייטס מיט'ן באן, אנדערע נעמען אנדערע פליגערס צו די פארשידענע לופטפעלדער אין די לענדער ארום אוקריינא ווי פוילן, רומעניע, אונגארן, און מאלדאווע. אבער נישט קיין חילוק וואספארא וועג מען נעמט, פארגעסט מען נישט אז דער עיקר איז תפלה.

ווי מיר אלע ווייסן מוז מען צוקומען צום אייבערשטן ביי יעדע זאך אין לעבן, בפרט ווען עס קומט צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אויף וואס דער רבי האט געזאגט "קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן", פארלייגט זיך דער ס"ם מיט אלע כוחות צו שטערן און אפרעדן אידישע קינדער פון קומען צום הייליגן רבי'ן, ביי יעדן שיקט ער אנדערע שטארקע סיבות, דער פלאגט זיך מיט געלט, איינער קען נישט איבערלאזן דעם דזשאב, אנדערע האבן שוועריקייטן מיט משפחה. דארף מען געדענקען אז תפלה איז שטארקער פון אלעם, און מען דארף בלויז בעטן און בעטן, ביז דער אויבערשטער העלפט.

ווען א מענטש ווייסט אז ער דארף פארן צו א דאקטער פאר זיין לעבן, וועט ער קוקן אויף געלט? וועט ער טראכטן פון זיין דזשאב? וועט אים איינער קענען אפרעדן? מיר דארפן צוקומען צום גרויסן דאקטער, דער הייליגער רבי, וואס היילט אונז ברוחניות ובגשמיות; וואס איז שייך מניעות? וואס טוט נישט א מענטש פאר זיין לעבן? דא קומט מען צום הייליגן רבי'ן וואס מאכט אונז טראכטן פון אייבערשטן, געבט אונז אריין א טעם אין אידישקייט, און געבט אונז נאך אומצאליגע מתנות פאר'ן לעבן. דערפאר לאזן נישט אנשי שלומינו אפ דעם אויבערשטן און בעטן זיך ברחמים ובתחנונים זוכה צו זיין צו קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

אין די אפיסעס פון "פלעין איט רייט", די טראוועל אגענטור וואס שטעלט צו יעדעס יאר די נסיעות קיין אומאן אויף בעסטן און שענסטן פארנעם וואס איז נאר שייך, פיבערט שוין א לאנגע צייט מיט הכנות צו ראש השנה, זיכער צו מאכן אז יעדער האט צוגעשטעלט א געשמאקע וועג קיין אומאן, לויט זיין יכולת און לויט די צייטן וואס איז אים באקוועם. דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג, ביים וועכנטליכן ליל שישי שמועס "א בליק מיט די ברסלב'ע ברידער", אויף "קול ברסלב", איז ארויפגעברענגט געווארן מו"ה אלי קנאלל הי"ו, וואס געבט אראפ א דעטאלירטער באריכט מיט אלע הכנות צו די גרויסארטיגע נסיעה, אלע אפציעס וואס זענען דא אויסצואוועלן ווי אזוי און ווען צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה. די שמועס איז אויך ארויף באזונדער אויף די "אינטערוויוס" אפטיילונג, וואס מען קען הערן דורכ'ן דרוקן 1 פאר אידיש, דערנאך 4, און דאן 2, אינטערוויו נומער 356. עס איז כדאי אויסצוהערן און קלאר ווערן וואס די אויסוואלן זענען, און אזוי זיך קענען גרינגער צוגרייטן צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

מיר האפן אייך צו האלטן ווייטער אינפארמירט מיט אלע דעטאלן בנוגע אומאן ראש השנה מיטן אייבערשטנ'ס הילף.

**איש בל יעדר!**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יוסף קעניג** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
צו די אפשערן פון
נחמן ישראל נ"י למזל טוב

## אויפגעפרישט

יעדע זאך וואס מען לאזט ליגן צו לאנג, טויג נישט. מען דארף זיך כסדר אויפפרישן. ווי אזוי קען מען דאס באוויייזן? ווי אזוי פרישט מען זיך אויף?

**קול ברסלב**
**212-444-9191**
**1, 2, 2, 8, 32**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >